# כרכת גמר חתימה טובה

לידידי הנאמנים, חברים לדעה, האחים הנאהבים, חכמים וטובים, סופרים בכתובים, הר' יעקב יצחק וואלגעלערענטער, הרב ר' שלום וואלגעלערענטע, מר. אלימלך וואלגעלערענטער, אמם, רעיתם, אחותם, ובניהם וכל משפחתם.

ולידידי הנכבד והמשכיל ר' משה יצחק נאבעלמאן מורה בתלמוד תורה עץ חיים, ומשפחתו, שלוחה ברכתי גמר חתימה טובה.

ביחוד מברך אני לקהלות לאנדאן אנט. ובפרט החברים מחק"ג "בני משה בן יהודא" וכל משפחתם, וכל ידידי ומכירי בכל מקום שהם, יתברכו בשנה טובה כאות נפשם, ונשמע בשורות והצלחות וכל מילי דברכות, ותהא השנה הבאה עלינו לטובה, שנת ברכה ושלוה לכל ישראל בכל מקומות מושבותיהם.

כאות נפש המברך
דוד שו"ב קירשענבוים.
ערב יום הכפורים שנת תרצ"א.
לאנדאן אנט.

# בגמה חתימה טובה

ממקורות לבי אני מברך את אבי יקירי, עטרת ראשי, מורי ומדריכי, השו"ב המפורסם למומחה ומובהק ר' יוסף יהודא שליט"א מקארוב וכעת בטורונטו.

וכבוד הרבנים חכמים ונבונים, ידידים נאהבים, היושבים על מדין בטורונטו הרב ר' יעקב גארדאן שליט"א


# אנגעקומענע קיין קאנאדע-ווילקאמען!

מיר האפען אז איה וועט גלייכען ס'לאנד און זיך דא גוט איינארדנען

און מיר לאדען אייך איין צו פרובירען רעד ראוז טיי, צווישען אנדערע גוטע זאכען.

רעד ראוז גרין לייבעל טיי — רעד ראוז ארענדזש פיקא טיי

RED ROSE TEA

„איז גוטע טיי"

גרין לייבען טיי


# מארגען אין סטענדערד טעאטער

די קאמפאניע אין סטענדערד טעאטער, דערוואַרט צו זעהן א גרויסען עולם מוצאי יום כפור אין טעאטער, מחמת די

# אידישע נייעס פון יענער זייט ים

ארויסגענומען פון די אידיש-איראפעאישע צייטונגען.

## א בענקעניש פון אמעריקע קיין טאמאשאוו

פון לאדז שרייבט מען וועגען אזא געשיכטע:

ער איז שוין א איד פון א יאהר זיבעציג, האט דערוואקסענע קינדער און אייניקלאך. פאראיאהרען איז ביי איהם אפגעשטארבען די פרוי, און ער געזעסען מיט די קינדער צוזאמען שבעה. אין א שווערען מאמענט האט ער פאר די קינדער אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ און זיי ענטפלעקט א סוד פון זיין לעבען. די פרוי, וואס איז איצט געשטארבען, די קינדער'ס מוטער, איז ביי איהם געווען נים די ערשטע פרוי. מיט יאהרען צוריק (דער עלטערער זוהן פון דער צווייטער פרוי איז שוין איצט אלט ביי די 40 יאהר) האט ער געהאט אין טאמאשאוו א פרוי און מיט איהר געהאט א טאכטער. שפעטער ...

איהר פאטער לעבט ערגיץ אין פוילען, אז ער האט נאכאמאל חתונה געהאט און האט מיט דער צווייטער פרוי קינדער — אלזא איהרע ברידער.

די פרוי האט נים גערוהט און אויסגעפראוועט איהר מאן אויף יענער זייט ים קיין פוילען, כדי ער זאל אויסזוכען איהר פאטער און ברידער.

דער אמעריקאנער, וואס האט באזוכט טאמאשאוו איז געווען טש.'ס איידעם, דער מאן פון זיין טאכטער.

דער טאמאשאווער איד וויל אבער נים דערצעהלען וועה ס'איז געווען דער טאמאשאווער אמעריקאנער, און וויל נים מיטטיילען זיין אדרעס. ער וויל פון דעם ענין ציהען פאר זיך אביסעל פרנסה, און „פארמיטלען". האט ער פארגעשלאגען, אז טש. און די קינדער זאלען איהם איבערגעבען א בריעף צו זייער טאכטער און ...

וויל בכלל נים רעדען וועגען געלט. ביי איהם איז רעכט צו געהן באלד צו דער חופה, און ווי ס'ווייזט אויס, וועט ער אויספיהרען.

אזוי ארום וועט אויסקומען, אז דער קאמארניק וועט אנשטאט שכר עקזעקוציע, גאר דארפען נעהמען שדכנות.

## געשטארבען אן „אייביגער איד" אין ריגא

פון ריגא שרייבט מען:

אין ריגא איז געשטארבען א געוועזער רפאל פעלדמאן, באקאנט אונטער'ן נאמען „דער אייביגער איד".

רפאל פעלדמאן איז אלט געווען א יאהר הונדערט מיט...

געגויע די יאהרען ווייס קיינער נים. מען ווייס נאר, אז ער איז געווען עלטער פון הונדערט יאהר. א טייל זאגען אז ...

האבען איהם אפגעזאגט דעם לעבען, נאר מען האט איהם „אפגעשריען". די אידען פון רוסישען מניין וואו ער האט געדאוונט האבען איהם צוגעגעבען נאך א נאמען „חיים", און דער חולה איז ווידער געזונט געווארען.

## אידישע מאמע איז מקריב איהר ליעבע און גליק, אבי קינדער זאלען א בעסערע צוקונפט

פון ווארשא שרייבט מען:

אין היגען אידישען הילפס-קאמיטעט פאר עמיגראנטען איז די טעג איבערגעגעבען געווארען א אידישער פרוי א גט פון איהר מאן אין אמעריקע ביי זעהר דיהרענדע אומשטענדען:

דער גט איז געשיקט געווארען פון דעם מאן, וועלכער געפינט זיך אין ניו ...

## אנשטאט צו נעהמען די בעדבעטס האט מען צוגעגומען א טאכטער

פון ביאליסטאק שרייבט מען:

דער ביאליסטאקער סוחר ווי. איז שולדיג געווען א ווארשאווער פירמע 12 הונדערט זלאטים אויף וועקסלען, וועלכע ער האט געלאזט פראטעסטירען.

נים קענענדיג באצאהלען דעם חוב, איז מען דורכגעקומען אויף פופציג פראצענט, און ג. האט אויף דער דאזיגער סומע געשריבען פרישע וועקסלען. דערביי זענען ביי דער ווארשאווער פירמע פארבליבען פון זיבערקייט וועגען אויך די ערשטע וועקסלען.

אבער אויך דאס האט נים געהאלפען. ג. האט אויך די צווייטע וועקסלען געלאזט פראטעסטירען, און דער איינגעבער פון דער ווארשאווער פירמע האט אראפגעשיקט קיין ביאליסטאק זיינעם א זוהן, ער זאל אויפמאהנען דעם חוב אויף א גערעכטליכען וועג.

בעת דער ווארשאווער פאצעט איז אבער געקומען מאהנען דעם חוב מיט א קאמארניק, איז איהם שטארק געפעלען ...

## מאגען טראבעלס קומען פון עסידס

דערציילט פון אן אנגענעמען הויז-מעדיצין וואס ברענגט שנעלע הילף.

די אזוי גערופענע מאגען-טראבעלס: — אומפארדייאונג, דיספעפסיע, גאז, זויערקייט, א. א. וו. — זענען מעגליך אין ניין פאלען פון צען, א באוויז פון "צופיעל עסיד אין'ם מאגען", וואס מאכט זויער די שפייז, און פאראורזאכט די פארמירונג פון גאז און ברענגט עסיד-אומפארדייאונג.

# יעהרליכער באריכט פון דער פאלעסטיין עקאנאמיק קארפאריישאן

די פאלעסטיין עקאנאמיק קארפאריישאן, די באוואוסטע אינוועסטמענט קאמפאניע וואס איז געגרינדעט געווארען מיט עטליכע יאהר צוריק פון ריכטער לואיס ד. בראנדייס און זיינע מיטארבייטער אין די אויפבוי אינטערעסען פון ארץ ישראל, האט נאר וואס פארעפענטליכט איהר יעהרליכען באריכט פאר'ן יאהר 1929, פון וועלכען עס איז צו זעהן, אז דאס גאנצע אינוועסטירטע קאפיטאל פון דער געזעלשאפט, וואס באטרעפט קרוב צו צוויי מיליאן מיט 249 טויזענט ...